# פרשת צו - י"א ניסן

**בס"ד. משיחת י"ב תמוז תש"מ**

**רשימה פרטית – בלתי מוגה**

ס׳קומט א תקופה אז ס׳ענדיקט זיך מאה שנה, און ס׳הויבט זיך אן טעג נאך דערויף, דער מאה ואחת, איז מסביר די גמרא, אז ס׳איז א חילוק: ניט נאר דאס איז א המשך – ס׳קומט צו נאך א יאר, נאך א עונה, נאך א יאר, נאר ווי די גמרא זאגט אז דאס איז א חילוק צווישן "עובד אלקים" ל"אשר לא עבדו"[1] – ווי די גמרא איז מסביר אין מסכתא חגיגה[2].

און דער אלטער רבי איז מסביר אין תניא[3]: וואס איז די הסברה אויך אין שכל? אזוי ווי ס׳איז געווען די רגילות – די געוואוינהייט – אין יענע צייטן, אז מ׳האט דאס ניט פארשריבן – מ׳האט דאס געלערנט בעל פה, איז מען געווען רגיל צו לערנען ענינים פון תורה שבעל פה מאה פעמים, כדי דאס זאל בלייבן חקוק בזכרון ווי ס׳דארף צו זיין. איז בשעת ער טוט היפך הרגילות – אפילו אז ער איז מוסיף מערניט ווי איין און איינציקן מאל – דאס איז אבער היפך הרגילות, דארף ער דאך משנה-זיין זיין טבע, איז דאס פארבונדן מיט א אופן חדש אין עבודת ה׳, ביז וואנענט אז דער חילוק איז – לגבי די עבודה וואס לפני זה – ווי די גמרא טייטשט דאס אפ אין דעם פסוק, אז דאס איז בין "עובד אלקים" ל"אשר לא עבדו"! די עבודה שלפני זה ווערט אנגערופן "לא עבדו", בערך וואס ער האט ביי זיך גע׳פועל׳ט אויף משנה זיין טבעו ורגילותו.

דאס איז אויך וואס ס׳שטייט אז דער חילוק פון מאה ביז מאה ואחת, וואס דער ענין וואס א חכמה – ער ברענגט אראפ דעם פסוק "החכמה מאין תמצא"[4], וואס "מאין" איז בגימטריא הונדערט און איינס.

וואס תכלית השלימות ביי א מענטשן און ביי אידן בפרט, איז דאך דאס דער ענין פון דעם העכסטן כח אין זיינע כוחות פנימיים וואס דאס איז כח החכמה, איז דאך אויך ניט דערמיט הויבט זיך אן זיין מציאות – ער האט נאך א העכערן עניין בנפשו, וואס איז נאך העכער פון זיין שכל, און וואס פון דארטן ווערט נמשך דער שכל – וואס תחילתו איז חכמה – איז אט דער ענין ווערט אנגערופן "מאין" אז "מאין תמצא",

---

1) מלאכי פרק ג, פסוק יח.

2) דף ט׳ ע"ב.

3) פרק ט"ו.

4) איוב פרק כח, פסוק יב.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת צו - י"א ניסן

וואס דאס איז בדוגמא: א חכמה דערגרייכט ביז הונדערט, און דאס וואס איז שרשה ומקורה איז מערער ווי דערפון, וואס דערפאר איז "מאין" בגימטריא מאה ואחת.

וואס דאס איז אויך אויף פארבינדן דאס – כמדובר לעיל – מיט המעשה הוא העיקר, אז וויבאלד אז דאס איז דאך א שנה וואס ס'ענדיקט זיך די מאה שנה פון יום הולדת פון בעל המאסר והגאולה, וואס אין יום ההולדת איז "מזלו גובר"[5], ווי דער בעל המאסר והגאולה האט דאס איבערגעחזר'ט און גערעדט וועגן דערויף כמה פעמים, נאר ער האט דאס פארבונדן אויך דערמיט אז דערפאר ביום ההולדת פון א אידן דארף ער זיך מתבונן זיין און מתבודד זיין, און קומען לידי הוספה ולידי החלטות טובות כמבואר אין די רשימות פון דער שיחות שלו בזה[6].

איז אט-די צוויי מעגלעכקייטן וועגן וועלכע מ'האט גערעדט פריער, אז די מסקנה וואס מ'נעמט ארויס פון אזא התוועדות, קען דאס זיין אין צוויי אופנים: אדער אז ער איז מוסיף – וואס דאס איז לכל הדיעות דארף דאך זיין דער "להעלות בקודש"[7], דער הוספה ועליה קען אבער זיין אין אן אופן וואס דאס איז בערך להקודמו, צו זיין הנהגה לפני זה, נאר וואס דען? מיט א הוספה, מיט מערער חיות.

און ס'קען זיין א העכערער אופן אז דאס איז א הוספה שיש בה חידוש, א נייער דרך אין עבודת ה' אין זיין מסירת נפש וכו'.

איז במה דברים אמורים אז ס'האט אן ארט אין שכל אויף ביידע אופנים, איז דאס כל זמן ס'האט זיך ניט געענדיקט א תקופה פון מאה.

בשעת אבער ס'ענדיקט זיך א תקופה פון מאה שנה, און מ'גייט אריין אין מאה שנה ואחת, די התחלה פון א הונדערט יאר און מערער, איז אט דעמאלט איז לכל הדיעות דאס וואס מ'דארף ארויסנעמען ביז לתוצאה בפועל אין לימוד התורה וקיום המצוות והפצת התורה והמצוות און אין אן אופן ביז מסירת נפש, איז ברור ופשוט לויט דער תקופת השנים אז דאס דארף זיין –

---

5) ראה ירושלמי ראש-השנה פ"ג הלכה ח', ובקרבן-העדה שם.

6) ראה "היום יום" י"א ניסן.

7) ברכות דף כח, ע"א. ושם נתבאר. זהר ח"ג קסב, ריש ע"ב.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת צו - י"א ניסן

און וויבאלד אז ס׳דארף זיין איז א זיכערע זאך אז דער אויבערשטער גיט כחות אז מ׳זאל דאס קענען דורכפירן בפועל –

אז דאס דארף זיין אין אן אופן פון חדוש, נאר וואס דען? דער חדוש איז פאר אים לייכטער, וויבאלד אז ער האט די הכנה – על כל פנים – פון די מאה שנה שלפני זה, איז עס אויך לייכטער צו מאכן א חדוש גדול ביותר, מה-שאין-כן אן דער הכנה.

וואס דאס איז אויך בהנוגע לפועל אז זיכער וועט זיך יעדערער אויסנוצן די ימי סגולה די ימים זכאין פון ימי גאולה אלו,

וועט מען נעמען פון דעם י"ב-י"ג תמוז א החלטה טובה, און בשעת א איד איז מחליט איז דאך זיכער אז "כל ישראל בחזקת כשרות הם"[8] – וועט ער טאן אלץ התלוי בו אויף מקיים זיין די החלטה, און בשעת א איד איז מחליט אין א דבר טוב, איז אט דעמאלט עפענט עם דער אויבערשטער צנורות אויף ממשיך זיין אים כחות ער זאל קענען ממלא זיין החלטתו בשלימותה ובמילואה.

אז מכאן ולהבא – איז ווי גוט ער האט ניט געטאן אין די ענינים עד כאן, איז איצטער הויבט ער אן טאן אין אן אופן חדש ביותר, ווארום ער איז משנה אויך די רגילות אין קדושה שלו, בדוגמא ווי די גמרא זאגט במסכתא חגיגה.

———— • ————

8) רמב"ם הל׳ קידוש-החודש פ"ב ה"ב. וראה הל׳ יסודי-התורה ספ"ז.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.